Teruit

# אוּגאַנדאַ

אַ פֿהיזיש=מעטריש־היסטאָריש=אוּנ סטאַטיסטישע בעשרייבוּנג
דער לאַנד אוּגאַנדאַ וואָס איז אוּנז אָנגעגעבען
פוּן די ענגלישע רעגירוּנג איצט צוּ גרינדען אין
איהר אַ יידישע מלוּכה.

דורך

## ח"י בוכבינדער.

פֿערלאַג פוּן דוד סאָווא, בוּכהענדלער, וואַרשא נאַלעווקי 27

וואַרשא. תרס"ג.

דרוק פוּן מ. י. האַלטער עט קאָמפּ. נאַלעווקי 7

# УГАНДА

т. е. Описанiе о страной уганда

Сос. Х. О. БУХБИНДЕРОМЪ.

Изд. Книжн. магаз. Д. Сова, Варшава, Налевки 27.

ВАРШАВА 1903.

Тип. М. И. Гальтеръ и Комп., Налевки 7.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

257

Дозволено Цензурою
Варшава, 26 Августа 1903 г.

# אוגאנדא.

נאָך אונזער צוויי טויזענד יאָהריגען ליידען, נאָך די אַלע שווירינגקייטען, שרעקליכע נסיונות אין אונזער לאַנגען וואַנדערן, אומטרייבען זיך איבער די אונגעהייער גרויסע בּרייטע וועלט, נישט האָבענדיג וואו אַ קאָפּ אַנידערצולעגען. און מיט דעם פּונקט האָפּפונג וואָס פּלאַמט שטענדיג אין דאָס יידישע האַרץ, צייט ער איז פון זיין לאַנד אָבגעריסען, דאָס ער וועט נאָך אַ מאָל אויפגעריכט ווערען און קומען צוריק אויף זיין אַ מאָהליגע בעל־בּתישקייט, זיין טאַטענס ווירטהשאַפט, דאָס שטיקעל לעבען ערהאַלטען, שטעהען מיר יעצט אויף א פונקט פון וועלכען עס איז יאָ צו מאַכען זוי אַ עהנליכען שריט, צו בּעזיטצען אַ אויטאָנאָמישע לאַנד אונטער אַ יידישען פירשט, מיט יידישע פער־וואַלטונג, ווי גליקליך וואָלטען מיר זיך פיהלען בּיי אַזאַ אויפגאַבע ווען דאָס לאַנד זאָל זיין געצייכענט אַם ירדן און הייסען: ארץ ישראל. בּיי דעם קלאַפּט אָבער דאָס האַרץ, עס פיהלט זיך עפּעס אַ מין דריקונג, וואָס לאָסט זיך נישט אויסזאָגען מיט קיין וואָרטער, דאָס ליעגט גאָר בּיי אַ טייך מיט אַ גאַנץ פרעמד־אונבּעקאַנטען נאָמען:

וויקטאָריא ניאַנסאַ, אין דער מיטע פֿון מזרח אַפֿריקא.

מיר פֿיהלען נאָך די עמפּפֿינדונג אונזערע, ביי די ערצאָהלונגען וועגען די „עשרת השבטים" אָדער „בני משה" וואָס האָבען אַ אייגנע מלוכה אונטערן „סמבטיון", דאָס וואָרט „יידישע מלוכה" אליין, ווען אויך אונטער די „הרי השך" האָט שוין דען שטאַרקסטען מאַכט צו ערוועקען ביי אונז דען גראָסטען רייץ; יעדער פֿערשטעהט, דאָס צום אייביגען שטערבען פֿון דאָס פֿאָלק צו זיין פֿאַטער לאַנד, דאַרף אונז די זאַך נישט קאָנען שטערען, אונ דאָך איז מען דאַריבער ווי אָהן מוטה, עס שרעקט עפּעס דאָס האַרץ.

די האַרץ זאָגט: אַ וואו?, אַ וויסטעניי!, אונטער שוואַרץ-סאַמטענע מענטשען, פֿהיזאָלאָגען, ביאָלאָגען, האָבען נאָך מיט אַלע זייערע אונטערזוכענגען גאָר נישט ערפֿאַהרען, פֿון וואַנען עס נעהמט זיך די אַבשטאַמונג פֿון דער ראַסע, מאָגליך אַז דורך יענעם אַקלים איז די שוואַרצקייט ענטשטאַנדען, אונ ווער וויים, זאָגט עפּעס דאָס האַרץ, אויב אונזערע אייניקלעך זאָלען אויך נישט אַזוי פֿערשוואַרצט ווערען?; ווי קאָן מען דאָס גלאַט אונטער אַ זאָלכע מענטשען לעבען?

היינט ווער וויים וואָס פֿאַר אַ חיות רעות, וואָלף, לייבען, שלאַנגען, דאָרט איז? אויב מיר וועלען דען הייסען לופֿט, אין יענען פֿרעמדען אַקלים, קאָנען ערטראָגען אונ עקזעסטירען?

ביי די און נאָך אַזאָלכע פראַגען ווערט מען אָן דאָס גאַנצע מוטה, עס ווילט זיך עפּעס דערגעהן, וויסען דען אומגעגענד, וואו עס ליעגט? ווי זעהט עס אויס? וואָס טהוט מען און ווי לעבט מען דאָרט? עס ווילט זיך, דאָס האַרץ ציהט און שמערצט.

— דער אונגליקליכע, געפעהרליך-קראַנקע, פיהלענדיג די ברענדיגע שמערצען, קאָן זיך נישט געפינען צופרידען מיט'ן דאָקטאָרס אונטערזוכונג, ווען ער ווייס אויך זעלבסט נישט אויב דאָס מיטעל וועט איהם געראָטהען, ער וויל נעבאַך שוין וויסען, שווער איהם צו וואַרטען.

די קאָמיסיע וואָס איז בעשטימט פון קאָנגרעס אַ הין צו שיקען, וועט דאָך געוויס לאַנג דויערן, אַ האַלב יאָהר צייט אָדער מעהר. אום צו בעקומען אַ פאָלשטענדיג ריכטיגען בעריכט וועגען דאָס לאַנד אויב זי וועט געראָטהען פיר דאָס יידישע פאָלק, מוס מאַן ווירקליך געדולד האָבען און וואַרטען אויף די זעלבע קאָמיסיע, וואָס איז צו דעם ציעל געשיקט, זי וועט אונז וואַהרשיינליך אַ גענויען אויסקונפט ברענגען: נאָר צו האָבען, ווי ווייט מעגליך איז, די היסטאָריש און געאָגראַפישע ידיעות, וואָס יעדער פערלאַנגט דאָך עס צו וויסען, גיעבען מיר דאָ אין דיעזע פאָרלעזונג אַ גענויע ערקלערונג נאָך די נייעסטע קוועלען אום יעדער זאָל האָבען דען בעגריעף און וויסען ווי אַזוי זיך ביי דער אויפגאַבע צו האַלטען, געוועהנליך גאָר

אָהן איינענע מיינוגגען דעם פּערפּאַסערס דאַביי צו זאָגען.

בעפאָר מיר וועלען קומען צו די בעשרייבונג פום אינערן אוגאַנדאַ וועלען מיר אַ קורצען איבערבליק ווארפען איבער גאַנץ אפריקא, דען זאָגאַר אוגאַנדא אין דען גאַנצען טהייל וועלט איז ווי פּיעל געאַכטעט, ווי איין זאַמד אין אַ גאַנצען באַרג, דאָך מוזען מיר אַ איבערזיכט געבען, אום צו וויסען די אומגעבונג איהרע.

אפּריקא ליעגט אין דרום-זייט פון דיביידע אַלטע טהיילען וועלט אזיע און איראָפּא, איז גרוים 530,000 קוואַד. מייל, און מיט 150 מליאָן איינוואוינער, האָט 350,000 קוואַד. מייל. גרעסער אַלס איראָפּא און אויסטראַליע, איז רינגסאום אומגענומען מיט ים, אויך איהרע אינזעלן זענען וועניגער אַלס אַלע אַנדערע טהיילין וועלט, אין צפון-זייט איז איהר גרענעץ דער מיטעל-לאָנדישער ים, אין מזרח-זייט — דער ים-סוף און דער אינדישער ים, אין מזרח איז דער איינציגע אָרט וואָס זי ווירד אַ געוויסע שטרעקע דורכ'ן זועץ בעגרענעצט. (דער זועץ הייסט אַ טהייל פון ים-סוף וואָס געהט ביי דער האַנדעלס-שטאָדט זועץ) אין דרום און מערב, בעגרענעצט איהר דער אַטלאַנטישער ים.

פון צפון אין דרום פערנעהמט אפריקא אין די גראָסטע ברייט 1080 מייל, און די גראָסטע לענג פון מזרח נאָך מעריב — אונגעפאָהר 1000 מייל.

אין בעטרעף פֿון קלימאַ, איז אפריקא דער הייסטע פֿון אַלע טהיילען וועלט, מעהר אַלס 400,000 קוואַדר. מייל, ליעגט אונטער דען הייסען גראדוס, נאָר אונגעפֿאָהר 90'000 קוואַדר. מייל צו צפון זייט, אונ 40,000 — צו דרום געהערן צו דאָס לאַנד פֿון מאָסיגען לופֿט, אַממייסטען זענען די היטצען אין טיעף אפריקא, בעזאָנדער אין די זאַמד=וויסטען, אין וועלכע דער מדבר זאָהאַרא אַליין איז פֿיעל גראָסער אַלס גאַנץ איראפא, קהילער איז אויף די בערג= נעגענדען, אין אַלגעמיין ווערען די יאָהרעס צייטען נאָר אין צווייען געטהיילט, רעגען אונ טרוקענע יאָהרעס=צייט. ביי די ברעגעס, בעזאָנדער אין צפון=מזרח אַפֿריקא זענען פֿיעל לאָנדער זומפפיג, אונ אין רעגענצייט ווירד דורך דעם די לופֿט איבער=מאָסיג, מיט אונגעזונדטע דונסטען אָנגעפֿיהלט, אונ דאַדורך איז אויך מצרים פֿון די אָרטער, וואו דער פעסט איז דאָרטהין פֿון די אָפֿטע געסט.

ביז אין די לעצטע צייטען איז אונז די ליניע פֿון דרום נאָך צפון אין מזרח אַפריקא, ד. ה. צווישען קאַפלאַנד אונ אביסיניען אָדער מאַראָקאַ צו מערב=זייט, אַזוי גוט ווי גאַנץ אונבעקאַנט געוועזן, אונ די וועלט האָט געגלויבט אַז דאָס איז איבעראַל וויסט, איצט אָבער זייט איינינגע צעהנדלינג יאָהר האָט מען ערפֿאַהרען, דאָס דאָרט גיבט ווירקליך גרויסע סטעפען, אָבער קיינעסוועגס וויסט, פֿער= קעהרט, אויסגעצייכענט פֿרוכטבאַרסטע לאַנד, אונ אויך בעפֿאָלקערט.

אין צפון אַפריקא פון מזרח, בילדעט אַפריקא אַ גרוים־זאַמדיגעם טיעף־לאַנד. וועלכע איז אין מזרח דורכגעצויגען מיט אַ קייט פון פעלזען, און בילדעט די בעט פונם גראָסטען אַפריקאַנישען טייך: „דעם נילוס".

אין צפון־מזרח איז די אַביסינישע לאַנד און געגען־איבער אין צפון מעריב איז אַ אינזעל־אַרטיג הויכעס לאַנד, וועלכעס איז נאָר דורכ'ן שמאָלען ים, אָדער וואָס ביים גיבראַלטאַר פון איראפא; אָבגעטהיילט.

דאָס גאַנצע אינערן פון דעם טהייל־וועלט בעשטעהט כמעט נאָר פון מדבר זאַהארא (מדבר שור), וועלכער פערנעהמט נישט וועניגער פון 600 מייל לאַנג און 200 מייל ברייט.

די אינזעלן אַפריקאַנישע האָבען וואָלקאַנישע בערג, אַפריקא אַליין אָבער איזווירקליך אויך פיעל בירגיג, אָבער די בערג זענען נישט וואָלקאַניש, און געגען איראָפּא אַזיע און אַמעריקא, איז זי גערעכענט דאָס זי האָט גאָר קיינע וואָלקאנען, אין ימים איז זי אָרמער אַלס אַנדערע טהיילען וועלט.

אין מזרח אַפריקא איז ווירקליך היים, נאָר דאָך איז זי פיר מענשען וואָס לעבען מאָסיג, נישט אַזוי אונ־געזונד, ווי עס איז ביי די וועלט בעהויפטעט.

די הויפטמאַסען פון די בירגערליכע איינוואוינער פון אַפריקא, זענען נעגער, גראָסטען טהיילס אונוויסענד,

רוי און גאָטצענדינער, דאָך גיעבט אויך פֿיעל מחמאַדאַנער אונטער זיי, וואָס ווייזען אַ געוויסען גראַד פֿון ציוויליזאַציאָן און ענטוויקלונג.

די נעגער זענען צעטהיילט אין פֿיעל פֿערשיעדענע שטאַמע, מיט פֿערשיעדענע נאָמען ווי בּיי אונז ווייסע, ווי צוב״ש מ אָ נ ג אַ ס, מ אַ ק ו אַ ס א. ד. ג.

איצט וועלען מיר קומען צו א ו ג אַ נ ד א, דאָס לאַנד אין אַפריקא וואָס איז אונז פֿאָרגעלעגט פֿון די ענגלישע רעגיערונג, צו גרינדען אין איהר אַ יידישע מלוכה.

— אוגאַנדא ליעגט אין מיטען פֿון מזרח אַפֿריקא, צווישען קאַפּלאַנד און אַבּיסיניען, דער גרענעץ פֿון א ו ג אַ נ ד אַ אין מ ע ר י ב־זייט איז די מדינה: ק אָ נ ג אָ, אין דרום זייט — די דייטשע קאָלאָניעס, אין מזרח זייט די ענגלישע קאָלאניעס, אין צפון זייט איז די גרענעץ אָפֿען צום ז ו ד אַ ן (נעגערשע איינוואוינער) און פֿערנעהמט אין אומפֿאַנג 2700 קוואד. מייל, מיט 1 מיליאָן איינ־וואוינער, אויף צוויי מאַנסלייט רעכֿנען זיך זיעבען פֿרויען, די אורזאַכֿע איז אַ ביסעל דורך די האָפֿטע מלחמות וואָס אין זיי קומען אום פֿיעל יונגע לייט, און אַביסעל וואָס אין פלען נעהמט מען נאָר ווייבער און קינדער.

דיעזע צאָהל איז נאָך דער סטאַטיסטיק פֿון אונ־געפֿאָהר אַ יאָהר, צוויי, צוריק, איצט אָבער, פֿון זינט

עס איז גאָנצליך איבערגעגאַנגען אונטער ענגלאַנדס שוטץ, צאָהלען זיך די אַיינוואוינער אין אוגאַנדאַ אונגעפֿאָהר פֿון 5 ביז 6 מיליאָן מענטשען און זעלבסט פֿערשטאָנדליך דאָס אין אמונה איז אויך אונטער זיי מעהר קריסטען אלס גאָטצען-דינער.

— ביים טייך „ניאַנזא" ציהט זיך אַ קייט פֿון הויכע בערג, די לופֿט איז כמעט אַ גאַנץ יאָהר גלייך, ביטאָג איז די היטץ פֿון 13 גראַד ביז 33, ביי נאַכט קיהלער, אָבער נימאַלס ווייניגער פֿון צעהן גראַד, רעגען צייט קומט אויס אין פֿריהלינג און ווינטער ווען די טאָג און די נאָכט זענען נישט גלייך, און זאָגאַר דער אַקלים איז אַנגענעהם, דאָך הערשט דורך די פֿיעל פֿייכטיגקייט אין דיעזער צייט, קדחת אין דאָס לאַנד.

— דאָס לאַנד איז, ווייסט אויס, רייך אין מעטאל, אין מיטען דעם לאַנדעס געפֿינט מען קופּער.

— די ערד איז זייער פֿרוכטבאר די בערג זענען בעדעקט מיט פֿיעל פֿערשיעדענע געוואָקסע, באַנאַנען, באַטאַטען, קוקוריזע, פֿערשיעדענע הילזען-פֿרוכט און אַרבעסען, טאַבאַק א. ד. ג., קאַפֿע וואַכסט כמעט פֿון זיך זעלבסט אָהן קיינע בעאַרבייטונג.

די נאָמען פֿון די פֿעלקער וואָס בעוואוינען דאָס לאַנד זענען: באַנטושטאָק, וואַגאַנדא, האַמיטע, וואַאומא, וועלכע האָבען זיך מעהרסטע טהייל דורך פּראָטעסטאַנטיש, ענגלישע און קאַטוילישע-פֿראַנצויזישע מיסיאָנערען, איבערראַשענד שנעל געטויפֿט

און געוואָרען קריסטען. 100,000 פֿון זיי זענען פּראָ־טעסטאַנטען — 50,000 קאַטאָהליקען, מאחמאַדאַנער — נאָר 20,000 טויזענד, די איבּריגע זענען גאָטצען־דינער.

די אַיינוואוינער זענען פֿלייסיגע ערד־אַרבּייטער, אונטער די פֿערשיעדען רייכע געוואַכסע וואָס דאָס לאַנד גיבּט, געהערען אויך בּאַנאַנען פֿון וועלכע עס וועדר פֿון דעם אויך געמאַכט אַ שטאַרק־בּערוישענדע משקה וואָס הייסט בּיי זיי: מוענגע.

בּיים שבט: וואַגאַנדא איז די ערד־אַרבּייט און ווייִדען בּהמות, גערעכענט פֿיר זוי אַ אַרבּייט וואָס איז פֿיר מאַנסלייט נישט פּאַסיג, און אין דעם בּעשעפֿטיגען זיך מעהרסטען טהייל די פֿרויען.

די וואַגאַנדען ווערען גערעכנט אַלס די אַרעלסטע אונטער די איבּריגע שטאַמע דער נעגער, זיי שמירען זיך אויך נישט דאָס לייבּ מיט פֿעטס עס זאָל גלאַנצען, און דאַרוּרך פֿיהלט מען נישט פֿון זיי קיין שלעכטען גערוּך ווי פֿון אנדערע נעגער, זיי זענען אָבער אויך קריעגס־מענשען און בּאַרבּארען (אַכזרים).

דאָס לאַנד ווערד צעטהיילט אין פֿינף פּראָווינצען: נעמליך: בּוּזירא, וואָס די אין איהר איז רעזידענץ: מענגאָ, טשאַגווע, בּוּטערא, זינגאָ, און בּודדוּ.

די אייגענטליכע בּעזיטצער פֿון ד'עם גרונד, איז דער לאַנד־אַדעל, וואָס הייסט אויף זייער לשון: בּאקוּנגוּ,

די בויערן, אָבער, וואָס ווערען גערופֿען מיט'ן נאָמען: באקאָפּי, זענען צו זיי פֿערקויפֿט, ווי דאָ אמאָל די בויערן ביי די פּריצים.

— די ערשטע זענען אַראַבער וועלכֿע זענען אין 1836 יאָהר אין דאָס לאַנד געקומען אונטערן קאָניג סוננאַ II, אין 1860 האָט אוגאַנדאַ אויך אָנגעהויבען פֿון איראָפּייאישע רייזענדער בעזוכֿט צו ווערען, דאַן איז דער ערשטער געווען אַ געוויסער מטענאַ, אין 1862 האָט איהר בעזוכֿט שפעקע, אין 1874 — לאָנג, אין 1876 — עמין פּאַשאַ, אין 1879 — פּעלקין און ווילסאָן, און פֿון יענער צייט האָבען די ענגליש פּראָטעסטאַנטישע און פֿראַנצויזיש קאַטאָהלישע מיסיאָנערען אָנגעהויבען צו קומען אין דאָס לאַנד, און דורכֿדעם איז ענטשטאַנדען אַ צעטהיילונג אונטער די בעפֿאָלקערונג איהרע דורך קריעג וועגען גלויבען. און דורכֿדעם איז אויך אַרויסגעקומען וואָס דאָס לאַנד איז אויך אַם ענדע איבערגעגאַנגען צו די ענגלישע רעגיערונג אַזוי: אין 1881 יאָהר האָט דער קאָניג פֿערבאָטען פֿון צו לעהרנען דאָס חריסטענטהום, האָט שטרענגע מיטלען אָנגעווענדעט, אום דאָס פֿון דאָס לאַנד צו פֿערניכֿטען, אין 1884 האָט זיין זוהן מואַנגא נאָך שטרענגער אָנגעהויבען צו רודף'ן די קריסטען. אין 1885 האָט ער דען ענגלישען בישאָף האַנינגטאָן געטוידט, און אין 1886 האָט ער דורך די אַראַבער אונטער די קריסטליכֿע

אונטערהאַנען אַ שרעקליכע בלוט־באָד פֿערשאַפֿט, אַם ענדע זענען אָבער זיינע אייגענע לייבגאַרדע איבערגעגאַנגען צום קריסטענטהום, אונ אַלס ער איז פֿון זיי פֿערטריבען געוואָרען, האָבען איהם די קאַטאָהלישע מיסיאָנערען אין אַ קומבאַ אויפֿגענומען אונ דאָרט האָט ער זיך אַליין געטויפֿט, די לייבגאַרדע האָבען מוואַנגאַס אַ ברודער קיוועווא צום קייזער געמאַכט, די מאַחמאַדאַנער פֿון זיי, האָבען געמאַכט אַ צווייטען ברודער: קאַרעמאַ, דער לעצטער האָט אויך שטרענגע מיטלען געגען די קריסטען אָנגעווענדט, דאַן האָבען די קריסטען אין 1889 יאָהר אוואַנגאַנן צוריק גערופֿען, אונ ער האָט די פֿיינד אין מענגאָ די רעזודענץ פֿון פראָווינץ בוזירא, פֿאָלשטענדיג צעשלאָגען, אונ אַזוי אויך אַ צווייטען מאָהל אין 1890 יאָהר, האָט ער זיי איינגענומען, בעפֿאָר די קריסטליכע מיליטער־עקספעדיציע, וואָס ער האָט געפֿאָדערט צו הילף, האָבען נאָך בעוויזען אָנצוקומען, מואַנגא האָט געשלאָסען אַ שוטץ־פֿערטראַג מיט פעטערס, דער אָבערסטע פֿון די ענגלישע מיליטער עקספעדיציע, וועלכע איז איהם געשיקט געווען, דאַן אויך מיט לוגאַרד, דער פֿערטרעטער פֿון דער ענגליש מזרח־אַפֿריקאַנישע קאָלאָניען געזעלשאַפֿט, אין דער צייט האָט זיך אויסגעבראָכען אַ קריעג צווישען פראָטעסטאַנטען אונ קאַטאָהליקען, לוגאַרד האָט זיך געשטעלט פֿאַר די פראָטעסטאַנטישע זייט, אונ דאָך האָט ער געשלאָסען

שלום צווישעןביידע פּאַרטייען, אַזוי אַז מוואַנגא האָט אין 1892 אָנגענומען דאָס פּראָטעקטאָראַט (שוטץ) איבער די גאַנצע ענגליש-געזעלשאַפּטליכע קאָלאָניען און איז געוואָרען פּראָטעסטאַנט, און אַלס די געזעלשאַפֿט פֿון די קאָלאָניען זענען אין 1894 יאָהר אין פֿינאַנציעלע (געלד אינטערעסליבע) שוועריגקייטען געקומען, האָט די ענגלישע רעגירונג אין דעם יאָהר, די קאָלאָניען איבערגענומען, און פֿון דאַן שטעהט אויף דער שפּיטצע, ווי אין אַלגעמיין דער קאָלאָניען, אַזוי איבער די רעגיערונג פֿון דאָס לאַנד אוגאַנדאַ, אַ ענגלישער קאָמיסאַר, וועלכער איז אונז היינט דורך דען פּראָטעסט, וואָס ער האָט געגעבען די ענגלישע רעגירונג אינם נאָמען פֿון די אַיינוואוינער, געגען די אויפגאַבען צו גרינדען דאָרט אַ יידיש אויטאָנאָמישע לאַנד, מיט'ן נאָמען: לאָרד דעלאַמור, מיט 1500 מיליטער נעגערן, אונטער איהם האָט רעגיערט אַ קאָניג וואָס איז גערופֿען איף די לאַנד-שפּראַך: קאבאַקאַ, מיט אַ הויפּט-מיניסטער וואָס הייסט: קאַליקירא, אַ בירגער-ראַט פֿון אַדעל, און אַ לאַנד-ראַט פֿון רעגירונג וואָס הייסט. בוחיקאָ. אין יאָהר 1897, אָבער האָט זיך אין דאָס לאַנד געמאַכט אַ בונט און ענגלאַנד האָט מיט די הילף פֿון די דייטשע מיליטער אין זאַנזיבאַר, איהר גאָנצליך איינגענומען, און פֿון דאַן האָט אוגאַנדאַ איהר זעלבסט-שטאָנדיגקייט גאַנץ פֿערלאָרען.

דאָס לאַנד איז אויף באַרג-הויך אונגעפֿעהר פֿון

1000 ביז 6000 פוס פון ים, די לופט איז נישט זייער הייס, בעדעקט מיט וועלדער און געוויסערמאַסען גאַנץ אונבעזעסען פון אַ בירגעליכען שטאַם.

אין מזרח־צפון פון דאָס לאַנד וואו טהיילס איז מיט הויכע גראָז, טהיילס מיט וועלדער בעשאַטענד, איז מייסטען טהייל מיט פאַפּירוס־זומפּפין אויסגעפּיהלט, אין טהייל שטעלן איז דער וואלד זייער דיכט, שילף וואַכסט דאָרט איבעראַל פון 4 ביז 6 מעטער די הויך, איבעראַל איז דאָס לאַנד רייך אין פערשידענע נאַהרונג־געוואָכסע וועלכע וואַכסען צוויי מאָהל אין יאָהר, אויך פרוכטען, צוקערראָהר, קאַפע א. ד. ג.

אַלס הויז־בהמות האָבען זיי רינדער, פעטע שאָף, ציעגען, הינד, קאַטץ, אויך עופות, ווי היהנער א. ד. ג.

די געוועהר זייערע איז נאָר שווערד, פאַנציר, פייל און בויגען, פייער־געוועהר ווירד איצט מיט'ן ים און נאַכהער פון מאָמבאַסאַ מיט'ן אייזענבאַהן אריינגע־פיהרט, דען פון מאָמבאַזאַ, געהט איצט אַ באַהן ביז וויקטאָריאָ ניאנסא, אַ שטרעקע פון 657 ווערסט.

אויפ'ן וויקטאָריע ניאַנסאַ האָבען זיי גאַנצע פלאָטען, פון גרויסע שיפען, אין האַנדעל קומט דאָרט איצט: העלפאַנדביין, גוממי, קופער, קאַפע, מירריען, פעל פון לייבען, לעאָפּאַרדען, אָטערן, ציעגען, אָכסען און ווייסע אַפען (אַבוזיאַנעס), אַזוי אויך אַפריקאַנישע פויגעל־אַרט'ען.

דער קלימאַ איז פֿייכט אָבער געזונד, אַזוי האָבען מיר בעשטעטיגט פֿון אלע וועלכע האָבען דען געגענד בעריייזט, איינער פֿון די לעצטע קאָמיסיאָנערען, וואָס האָט דאָס לאַנד אין 1901 יאָהר דאָס לאַנד בעריייזט, בעשרייבט די ערד פֿיר איין אויסגעצייכענסטע פֿון אלע אַפֿריקאַנישע געגענדען אַרום, וואָס זענען נאָהנט פֿון עקוואַטאָר, זי איז זייער זאַפֿטיג, פֿרוכטבאַר, די לופֿט איז געזונד און נישט איבריגס הייס, פֿאַר אייראָפּייער איז זי ריכטיג ווי די ענגלישע לופֿט, אדער די גוטע געגענדען פֿון דרום אפריקא, און פֿערזיכערט, אַז אַזוי ווי דאָס לאַנד איז איצט מיט אַ באַהן פֿעראָרדנעט, איז זי זייער גוט פֿאַר די ווייסע ראַסע.

ווי ווייט עס איז זיך אויף דעם צו פֿערלאָזען ווייסט מען נישט, אַזוי ווי אויך די איבעריגע צייטונגען אָדער פערזאָנען וואָס רעדען פֿאָר אָדער געגען דער אויפֿגאַבע, דען ווען יעמאַנד רעדט צו אירגענד וועלכען ציעל פֿון אַ געוויסען מיינונג, קאָן מען זיך אין גרונד פֿון דער זאַך נישט ריכטיג איבערצייגען, דאָס אַלעס אבער וואָס מיר האָבען אַייך אויבען געשריבען, איז גענומען פֿון וויסענשאַפֿטליכע קוועלען וועלכע אין זיי איז גאָר נישט צו צווייפֿלען, און יעדער קאָן זיך נאָך דעם רעפֿעראַט, געבּינען זיין אייגענע מיינונג.